מר. ווייסמאן, מענעדזשער פון
דעינטי ווהייט
וועט מיט פארגעניגן געבן א דאלאר פאר יעדן
וויין פלעק וואס
דעינטי ווהייט
וועט ניט ארויסנעמען פון אירגענד וועלכן
קאטאן אדער לינען ארטיקל

DAINTY WHITE

20¢
א פלעשל

געדיינקט דעינטי ווהייט קאסט בלויז 20 סענט און ווען איר ברענגט אייער דעינטי ווהייט פלעשל צו דעם גראסערימאן וועט איר צוריק קריגן 3 סענט.

די דאזיקע פרייזן זיינען בלויז פאר וויניפעג.

DAINTY WHITE

ברודער מאָרד

העכסט אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

(פארטזעצונג)

— נו, גוט, זאל זיין, אז איך בין ניט געקומען גלאט אזוי.

— איך האב באלד געוואוסט, אז איר זוכט עפעס ביי מיר. איר זייט ניט געקומען צום גראבן גאטליב אום אנצוקוקן מיין שענק.

— וואס קאן איך דען ביי אייך זוכן?

— הערט מיין הער, איר זייט אן אגענט פון . . . — האט דער גראבער גאטליב ארויסגעפלאצט.

— איך בין דאך א פרעמדער אין שיקאגא.

— דאס ווייס איך אויך, ווייל איך קאן אלע געהיימע אגענטן פון דער שיקאגער פאליציי. איר זייט א פרעמדער.

—ווען איר ווייסט אלעס, דארפט איר דאך וויסן פון וואנען איך בין, — האט דער פרעמדער געענטפערט מיט א שמייכעל.

— איך וואלט געזאגט, אז איר זייט פון נויארק, איר רעדט אבער ניט ווי אן אמעריקאנער, — איר זייט אן ענגלענדער.

דער פרעמדער האט א ווינק געטאן, אז ער איז ווירקלאך אן ענגלענדער.

— מיין הער, איך פארשטיי, אז איר קאנט ניט ריידן דא, אין שענק. גייט ארויס דורך דער גרויסער טיר און ווארט א פאר מינוט און איך וועל עפענען א זייטיקע טיר וועלן מיר אריינגיין אין א באזונדערע צימער און מיר וועלן קאנען כאפן א שמועס.

דער פרעמדער האט ווידער א ווינק געטאן, אז ער איז דערמיט איינפארשטאנען.

אין א פערטל שטונדע ארום איז דער פרעמדער געזעסן אין גראבן גאטליבס צימער.

— נו, אויסגעשאסן, — האט דער גראבער גאטליב געזאגט, — וואס קאן איך טאן פאר אייך?

— איר פארדינגט געווים אויך מיטינגס לאקאלן? — האט דער פרעמדער געפרעגט.

—מיין הער, מיטן גראבן גאטליב רעדט מען ניט אזוי. זיין ניט קיין חכם, גייט ניט ארום מיט מיר, ווי א קאץ ארום א שיסל מיט הייסער זופ.

דער פרעמדער האט פארביסן די ליפן. אזא גראבקייט האט ער אויך פון דעם גראבן גאטליב ניט דערווארטעט. ער האט איינגעזעען, אז מ'מוז בייטן די טאקטיק.

—איר האט רעכט, מר. גאטליב.

— איך בין ניט קיין מיסטער, איך בין דער גראבער גאטליב, זאגט, וואס דארפט איר?

— איך בין פון לאנדאן און בין געקומען קיין שיקאגא נאכשפירן א פארברעכער.

— אלזא, פאר וואס זייט איר געקומען צו מיר? איך בין ניט מער ווי א שענקער.

— מען האט מיך געשיקט צו אייך.

— ווער?

— באנפילד, וועלכער האט אן אגענטור פון פריוואט דעטעקטיווס.

— א, איך קאן אים גוט.

— ער האט מיר געזאגט, אז איר קאנט מיר באהילפיק זיין צו געפינען, וועמען איך זוך, — האט דער פרעמדער געזאגט פריי און אפן.

— אי דוואלט פיליכט געקאנט אייך באהילפיק זיין, איך וויל עס אבער ניט.

— פאר וואס?

— ווייל איך וויל ניט.

— ווען מען זאל אייך אבער גוט באלוינען?

— דאס זיינען אנדערע ווערטער! דעם גראבן גאטליב קאן מען אבער ניט אפקויפן מיט א קלייניקייט.

— מען וועט אייך געבן אזא באלוינונג, אז איר וועט זיך קאנען אפזאגן פון אייער שענק און מיט פראצענטן פון אייער געלט.

די אויגן פונם גראבן גאטליב האבן אנגעהויבן צו פלאמען, ווי די אויגן פון א הונגעריקן וואלף.

— וואס מיינט איר? — האט ער אויסגערופן, ווי פיל געלט קאן מען אלזא דערביי פארדינען?

— צען טויזנט פונט סטערלינג, — האט דער פרעמדער געזאגט רואיק.

— צען טויזנט פונט סטערלינג, וויפיל דאלאר איז עס?

— אן ערך פופציק טויזנט דאלאר.

— פופציק טויזנט דאלאר איז שיין געלט. מיט פופציק טויזנט דאלאר קאן איך דאך לעבן ווי א רייכער מאן און זאגאר הייראטן.

— וועמען ווילט איר דען הייראטן?

— די באבא יאגא פונם אנדערן שענק.

— איר זייט דאך אבער צערגיקט, איר זייט דאך שונאים איינער דעם צווייטן?

— דאס מאכט ניט אויס, מיר זיינען איצט שונאים, ווייל מיר זיינען קאנקררענטן, ווען איך זאל האבן געלט, וואלט טאבסי מיך געהייראט.

— דאן האט איר דאך א גוטע געלעגנהייט צו פארדינען געלט און צו הייראטן אייער טאבסי.

— נארט איר מיך ניט אפ?

— איר קאנט אויף מיר פרעגן אין באנפילדס קאנטאר.

— גוט, איך נעם אן אייער פארשלאג, וואס זאל איך אלזא טאן? וואס פארלאנגט איר פון מיר?

— איך זוך א מענטש, וועלכער האט באגאנגען אין לאנדאן א סך פארברעכנס און האט באשווינדלט טויזנטער מענטשן.

— ווייסט איר אבער אויף געוויס, אז ער געפינט זיך אין שיקאגא?

— איך ווייס עס פאר געוויס.

— ער האט דא געוויס אן אנדער נאמען.

— ער האט זיך געגעבן אן אנדער נאמען און גייט שטענדיק מאסקירט.

— הערט! אויב איר ווילט איך זאל אייך העלפן אויסזוכן דעם דאזיקן מאן, מוזט איר מיר זאגן ווי ער האט געהייסן אין לאנדאן, און וואס פאר א נאמען האט ער זיך אנגעגעבן אין אמעריקע.

— דאס ווייס איך ניט, — האט דער פרעמדער געזאגט, ווען איך זאל וויסן וואס פאר א נאמען ער האט זיך געגעבן און ווי אזוי ער גייט אנגעטאן אין אמעריקע, וואלט איך צו אייך ניט געקומען.

— איך קאן אייך נאר זאגן, אז ער איז געקומען קיין אמעריקע ניט אליין. ער פירט זיך ארום מיט צוויי אנדערע פארברעכער, וועלכע די לאנדאנער פאליציי זוכט שוין פון לאנג.

דאס האט געעפנט דעם גראבן גאטליב די אויגן. ער האט אנגעהויבן צו פארשטיין, אז די דריי מענשן וועלכע האבן ביי אים געדונגען א מיטינגס לאקאל, דארפן זיין די געזוכטע דריי פארברעכער. ער איז אבער געווען גענוג קלוג און דורכגעטריבן, ניט צו זאגן אזוי גיך, אז ער ווייס שוין ווער זיי זיינען און אז זיי קומען צו אים.

— אן א נאמען און אן געוויסע צייכנס איז שווער צו געפינען א מענשן אין שיקאגא אין א צייט ווען עס קומען אן יעדן טאג טויזנטער מענשן, האט דער גראבער גאטליב געזאגט קאלטבלוטיק.

—מיסטער באנפילד האט מיר געזאגט, אז איר זייט גוט באקאנט מיט דער אונטער וועלט אין שיקאגא, און אז איר האט שוין ניט איינמאל מיטגעהאלפן אויסזוכן א פארברעכער, — האט דער פרעמדער באמערקט.

— גאנץ ריכטיק, ווען מען זאגט מיר א נאמען און מען גיט מיר אן אייניקע צייכענישן פון דעם מענשן, וועלכן מען זוכט, קאן איך אים געפינען, איר אבער קומט צו מיר און זאגט מיר קורץ און שארף, זוך און געפין, — דאס איז אוממעגלאך.

— דאן טוט מיר לייד וואס איך האב אייך אומזיסט באמיט, האט דער פרעמדער געזאגט און האט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול.

— בלייבן זיצן, — האט דער גראבער גאטליב קאמאנדירט.

דער פרעמדער האט זיך צוריק געזעצט.

— מיין הער, איר גיט מיר דא א גאנץ שווערע אויפגאבע, זוכן א מענשן וועלכן איך קאן און ווייס ניט. איז ניט אזוי לייכט, גיט מיר אמווייניקסטנס צייט צו באקלערן זיך.

— ווען עס זאל זיין לייכט און מען זאל קאנען געבן צייט, ווי פיל מען וויל, וואלט מען דאך ניט געגעבן א באלוינונג פון צען טויזנט פונט סטערלינג, — האט דער פרעמדער באמערקט. מיינט איר ווירקלאך, אז די מענשן אין ענגלאנד שליידערן זיך אזוי מיט טויזנטער פונטן? ווען מען וויל פארדינען געלט, מוז מען עפעס אויפטאן, עפעס באווייזן.

— איר האט רעכט. איך קאן דאך אבער ניט ארויסנעמען פון דער קעשענע דעם מאן וואס איר זוכט. האט דער גראבער גאטליב געענטפערט, איר מוזט מיר גיבן א וואך צייט, איך זאל זיך קאנען ארומקוקן, זוכן, טראכטן, נאכשפירן, ביז איך וועל געפינען דעם מאן, וועלכן איך דארף.

— א וואך צייט, — האט דער פרעמדער געלאכט, — דאס איז צופיל.

— ווי איך זע, האט איר צו מיר קיין צוטרוי ניט.

— פון וואנען זעט איר עס?

— איך פארשטיי עס. מען האט אייך געזאגט, גייט צום גראבן גאטליב, — אבער פארטרויט אים ניט אלעס, ווייל ער קאן וועלן פארדינען פון ביידע זייטן, ווער־עס באצאלט אים בעסער דעם דינט ער.

— ווען איר רעדט מיט מיר אזוי אפנהארציק, מוז איך אייך זאגן, אז עס איז ווירקלאך אזוי, ווי איר זאגט.

— איך קאן מיינע לייט, — אהט דער גראבער גאטליב געברומט, — איך ווייס וואס מען האט אייך געזאגט, אבער איך מוז זיך פארט באקלערן.

דער פרעמדער האט געטראכט אייניקע מינוט און האט דאן געענטפערט.

— ווען וועט איר מיר גיבן א גענויע אנטווארט?

— ניט פריער?

— ניין.

— דאן וועל איך קומען איבערמארגן.

מיט די דאזיקע ווערטער האט דער פרעמדער געוואלט זיך אויפהויבן און אוועקגיין, פלוצלונג האט ער זיך עפעס דערמאנט, און ער האט געפרעגט.

—קאנט איר ניט אן אלטן מאן, א בלינדן, וועלכער גייט ארום מיט א טאכטער און זינגט לידער אין די שענקען.

— געוויס קאן איך אים. דאס מיידל איז זייער שיין און מען רופט זי די ראזע פון שיקאגא.

— וואס ווייסט איר וועגן איר און אים?

— איך ווייס, אז ער איז מיינער א לאנדסמאן.

— פון וואנען זייט איר דען?

— האט איר דען ניט דערקאנט, אז מיין נאמען איז א דייטשער? דער בלינדער זינגער קומט אויך פון דייטשלאנד.

— ווי קומט ער אבער קיין אמעריקע?

— דאס ווייס איך ניט.

— קומט ער אפט אין אייער שענק?

— ניין צו מיר קומט ער ניט, ווייל צו מיר קומען ניט אזעלכע מענשן וועלכע זאלען ליב האבן זיינע לידער. ער קומט אבער זייער אפט אין טאבסיס שענק.

— ווער איז די טאבסי?

— דער צווייטער שענק לעבן מיינעם, זיי רופן די ווירטן באבא יאגא. איך אבער רוף זי טאבסי, ווייל איך קאן זי שוין פון לאנג.

— ווייסט איר מיר גארנישט וועגן דעם אלטן און זיין טאכטער?

— איך ווייס, אז אלע יונגעלייט פארליבען זיך אין דער ראזע פון שיקאגא.

— וועל איך היינט טרעפן דעם אלטן היינט אוונט אין שענק פון דער דאזיקער באבא יאגא.

— ער קומט אהין זייער אפט. די מאטראסן האבן אים ליב און טאבסי וועט זיך אויפהענגען פאר דער ראזע פון שיקאגא.

— דאן, א גוטע נאכט!

דער פרעמדער האט באצאלט דעם גראבן גאטליב פארן ווייַן און זיך אוועקגעגאנגען דורך דער הינטער טיר, ווי ער איז געקומען.

ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון שענק האט דער גראבער גאטליב אנגעהויבן צו ברומען צו זיך אליין.

— די וועלט אויסשטעלונג איז דאך א גוטע זאך. זי האט מיר געבראכט הינער וועלכע לייגן גאלדענע אייער. דער דאזיקער קלונער אגענט האט מיר אנגעבאטן 50 טויזנט דאלאר. דאס איז געוויס א שיינע מטבע. ווער ווייסט אבער, אויב ער וועט זיי מיר געבן? איך וועל נאך מוזן האבן צו טאן מיט דער פאליציי און מיט אירע געהיימע אגענטן. דאס טויג מיר ניט, איך וועל בעסער אנקלינגען צו מיינע פיינע מענשן, וועלכע האבן א מארקע, ד. ה. זיי ווילן זיין מילדער. איך וועל זיי נאר א קוועטש טאן און וועל פון זיי מער ארויסקוועטשן. דער גראבער גאטליב ווייסט וואס ער האט צו טאן. ער איז קלוגער פון באנפילד מיט זיינע אלע דעטעקטיווס.

ער איז נאך ארומגעגאנגען אייניקע מינוטן אין צימער, דאן האט ער אויסגעלאשן דעם גאז און איז צוריק געגאנגען אין זיין שענק.

אז אונטערדרונג

אונזערע לעזער האבן געוויס דערקאנט אין דעם פרעמדען, אונזער אלטן באקאנטן ווענדלאנד. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון גראבן גאטליבס שענק, האט ער געזאגט צו זיך אליין.

— ער ווייס א סך זאכן, עס איז זאגאר מעגלאך, אז ער ווייס אלעס, ער וויל אבער ניט זאגן, ביז ער וועט איבערריידן מיט דעם באנקיר דזשאנסאן, פיליכט וועט אים דער באנקיר געבן מער געלט, מען מוז זוכן א מיטל ווי אזוי צו מאכן אים זינגען. ער מוז מיט מיר ריידן אנדערע ווערטער.

(ווייטערס קומט)

GENUINE
PHILLIPS
MILK OF MAGNESIA
For Troubles due to Acid
INDIGESTION
SOUR STOMACH
HEARTBURN
CONSTIPATION
GAS. NAUSEA

זויערקייט
פאראורזאכט
קאַפּוויטיקן

ווען אין אייער מאגן איז פאראן צו־פיל זויערקייט, מוזט איר זיך צווינגען צו ארבעטן און אפילו פארגעניגנס איז א צו גרויסע אנשטריינגונג. דער אפעטיט גייט פארלארן; די פארדייאונג איז שוואך; די גאנצע סיסטעם ליידעט.

לאבאראטאריע טעסטן ווייזן אז א זויערקייט צושטאנד קומט צוליב טעות'ן אין אונזער מאדערנער דיעטע. איר דארפט אבער ניט ווארטן צו האבן טראבל מיט אייער דיעטע.

נעמט א פולע לעפל פיליפס' מילק אף מאגנעזיא.

דאס וועט נעטראליזירן דעם איבערפלוס זויערקייט מאמענטאל; וועט אייך מאכן צו פילן ווי א נייער מענש אין בלויז עטלאכע מאמענטן.

נעמט אביסל ווען הארץ ברענונג, קאפּוויטיקן, ניט־גוטקייט, נודנעקייט, אומפארדייאונג אדער איבלקייט ווייזן אז די פארדייאונג סיסטעם ווערט צו זויער. ווען איר דערפילט קאלט אדער איר פילט פויל, שוואך, פארשטאפט. פיליפס' מילק אף מאגנעזיא האט א צארטע אפפיר ווירקונג.

אנגענעם צו נעמען. אינדארסירט פון דאקטוירים פאר 50 יאר און צונעשריבען איבעראל. פאר מענער, פרויען און קינדער. די ריכטיקע איז שטענדיק א פליסיקייט; דאס קאן ניט געמאכט ווערען אין טאבלעט פארם. עס טראגט שטענדיק דעם נאמען "פיליפס" פאר אייער באשיצונג.

געמאכט אין קאנאדע.

די סובּסקרייבּערס
פון
דאס אידישע ווארט



האבן איצט א זעלטענע געלעגנהייט צו שאפן ביי זיך אין דער היים

א שיינע, רייכע אידישע ביבּליאָטעק

מער ווי האלב אומזיסט



"דאס אידישע ווארט" האט איינגעארדנט ספעציעל פאר אירע סובסקרייבער א צאל קאמפלעקטן ביכער פון די בארימטסטע און פאפולערסטע שרייבער. די ביכער זיינען מוסטערהאפט געבונדען. אזוי אז די דאזיקע קאמפלעקטן זיינען נים נאר רייך אין אינהאלט, נאר אויך א צירונג פאר דער הויז. זיי באררייכערן אייער צימער און גיבן אייער היים דעם אויסזען פון אן אמת'ער אידישער היים.

יעדער קאמפלעקט ווערט צו אייך צוגעשיקט אין א שיינער, קארטאנענער קעסטל (ווי אנגעצייכנט אויף'ן בילד). אזוי אז אויב איר האט ניט קיין ביכער־שאפע, קאנט איר די ביכער האלטן אין זייערע אייגענע שאכטלען.

לעוו טאלסטאי, — 11 בענדער, רעגולאר $20.00 צו אונזערע סובּסקרייבער פאר בלויז $9.25

קנוט האמסון, — 11 בענדער, רעגולאר $23.50 צו אונזערע סובּסקרייבער פאר בלויז $9.00

מאקסים גארקי, — 7 בענדער, רעגולאר $14.00 צו אונזערע סובּסקרייבער פאר בלויז $5.50

זשאן קריסטאף, (פון ראמען ראלאן), 7 בענדער, רעגולאר $16.00. פאר בלויז $5.00

מענדעלע מוכר ספרים — אלע 15 בענדער, רעגולאר $21.00 צו אונזערע סובסקרייבער פאר בלויז $8.75

אום צו באקומען די אויבנדערמאנטע ביכער, צו די אנגעגעבענע מער ווי האלב־אומזיסט פרייזן, דארפט איר באצאלן אין פאראויס פאר א יאר סובסקריפשאן פאר "דאס אידישע ווארט" ($6.00) —

אדרעסירט אייער קארעספאנדענץ צו

THE ISRAELITE PRESS LIMITED
165 Selkirk Avenue Winnipeg, Man. Phones: 52 213—55 409

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

צו איטע אסטראוו און אירע קינדער אונזער הארציקסטן מיטגעפיל אין זייער גרויסן פארלוסט. שטארקט אייך, איטע, אין אייער איצטיקן מאמענט און זייט א מוטער צו איערע קינדער.

ווינאַקור און פראטקין
פאמיליעס
391 קאלעדזש עווענו

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיל צו איטע אסטראוו, צו די קינדער, צו די שוועסטער און צו דער גאנצער משפחה אין זייער שווערן פארלוסט. די צייט זאל היילן אייערע צעווייטיקטע הערצער און איר זאלט שוין מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. לייבע קאפּלאן
און פאמיליע
641 פלארא עווענוי.

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

צו מרס. אסטראוו, צו די קינדער און צו דער גאנצער פאמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. וו. גוטניק
און פאמיליע
822 מעגנוס עוועניו

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

צו אייך איטע, לייזער, רבקה און יאנקל, ווי אויך צו גיטע־ראשע גוטקין און רחל לייאנס, און צו דער גאנצער משפחה, אונזער טרייסט און מיטגעפיל אין אייער גרויסן פארלוסט. שטארקט אייך, איטע, צוליב אייערע קינדער וועלכע נויטיקן זיך אין אייך.

מאַרים און צירע גוסין
און פאמיליע

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיל צו איטע אסטראוו, צו אירע קינדער און צו דער גאנצער משפחה אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי אלעמען געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. מעקס שטיין
און פאמיליע
333 נאטר דיים עווענו.

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

מיט געבויגענע קעפ און צעווייטיקטע הערצער שטייען מיר ביים פרישן קבר פון אונזער ליבען און טייערן פריינט און געוועזענעם שותף, וועלכער האט אזוי ערלאך מיט אונז געהאנדלט עלף יאר צייט. מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער פרוי און קינדער און צו דער גאנצער משפחה אין דעם גרויסן אומגליק. מיר ווינשן אייך אלעמען געטרייסט צו ווערן און מיר זאלן שוין אלע זיין אויסגעהיט פון צער.

מר. און מרס. מעקס גוטקין
און פאמיליע
346 בארוס עווענו.

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

אונזער שפראך איז צו ארים צו אויסדריקן אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו אונזער ליבער פריינדין איטע און צו אירע קינדער אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר זיינען דערשיטערט פון דעם אומדערווארטעטן אומגליק. מיר ווינשן אייך און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מר. און מרס. שפּילער
מר. און מרס. בענדער
מר. און מרס. סאלאַווי
און פאמיליעס

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

צו איטע אסטראוו און אירע קינדער דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער גרויסן פארלוסט. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

מרס. סלאווסקי און פאמיליע
88 בענערמאן

יהודה לייב אַסטראָוו ע״ה

מיר באדויערן זייער דעם פארלוסט פון אונזער גוטן מיטגליד, און מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער פרוי און קינדער אויף דעם פארלוסט פון זייער ליבן מאן און פאטער. מיר ווינשן זיי און דער גאנצער משפחה געטרייסט צו ווערן און מער פון קיין צער ניט וויסן.

ניקאלאיעווער הילפס פאראיין

PHONE 24 527
Res. 501 890
253 ELLEN ST.
(Near Logan Ave.)

זינדי
בלומ

(פארזעצונג)

זי האט גענומען לויפן א
שין. אין הארצן האט א
און זי איז געווען שטארק
און מיט אמאל:
—דושים! דושים!
דושים איז ארוים פון
וואס איז געווען אויף דער
גאס.
דושים האט בריוט גע
— וואס איז געשען?
— שנעלער דושים!
זי איז גלייך אריין אי
און דושים איז אויך געוו
קען. ער האט נישט פארש
האט פאסירט, נאר זעענד
איז אויפגערעגט און דער
גלייך אריינגעשפרונגען אי

לאנגער שלאף מאכ
ווידער פרייל

"אונזער בייבי פלעגט
עטלאכע מאל א נאכט, בי
געפאנגען צו געבן איר אנ
נאך איר לעצטן מאלצייט
א מוטער פון אייאווא.
געשלאפן געשמאק פון
נאכט און דאס האט אי
אויסזעען און פילן א סך
ספעציאליסטן אינדארסי
קאסטאריא; און מיליאנען
ווי אזוי די דאזיקע פון
ניט שעדלאכע צוגרייטונג
און קינדער, מיט בויד־ווי
פונג, פארקילונגען, דייער
פלעטשער אונטערשריפט
אויף דעם ראפער פון רי
ריא. היט זיך פון נאכגעמ

דאקטוירינ
דר. ס. דוש. בערמ
דר. דוש. ברענער,
דר. א. גוטמאן, 14
אפים שט
דר. ס. דושאוויש,
שטונדן
דר. וו. הערשפילד
דר. ב. א. וויקטאר
דר. דושא. בי. מע
500
דר. י. פערלמאן,
דר. ס. קאברינסקי
דר. מעקס ריידי,
283 פארטעדוש,
שטונ
דר. סעם ראדין,
דר. א. ל. שובין,
אפים:
דר. י. ה. בעקמ
דר. ד. מ. דושעו
דר. ה. מעראוי,
904 ב
דר, דושא. ה. ע

דענטיס
דר. י. בן עזרא,
דר. מ. א. ברע
דר. א. גארדנע
דר. ס. טשוירט